


# נייעס פון קינדערגארטן

נעזהשי״ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע״א -
נתייסד ע״י כ״ק רבינו הקוה״ט זיע״א • בנשיאות כ״ק מרן אדמו״ר עט״ר שליט״א

## ✪א עכטע געצעלט

(פאר אלע קינדערלעך) די וואך ווען מיר לערנען אין די סדרה פון פ׳ וירא איבער די מעשה פון אברהם אבינו, זעהן מיר אין חדר אויפגעשטעלט א עכטע געצעלט, מיר גייען אריין אין די געצעלט און מיר זעצן זיך אוועק. מיין רבי ווייזט אונז, אז די געצעלט האט פיר טירן, און מ׳קען אריין קומען פון אלע פיר זייטן. מיין רבי ווייזט אונז אויך ווי נעבן די טיר איז דא א בענקל, א בוים, און אונטער דעם בוים איז דא א טיש מיט דריי בענקלעך, אויפן טיש איז אנגעגרייט פוטער, מילך, צינג פלייש... מיין רבי דערציילט אונז דארט די גאנצע סדרה און די מעשה וואס עס איז פארגעקומען. ווען מיר זעהן דאס פאר די אויגן, שפירן מיר זיך ממש ווי אין אברהם אבינו׳ס געצעלט...

## ✪די דריי מלאכים

(פאר די גרעסערע קינדער) די וואך מיטוואך זענען מיר זיך צוזאמגעקומען אין לאנט״ש רו״ם מיטצוהאלטן די שיינע מעשה וואס מיר האבן געלערנט אין די סדרה פון די וואך פון וירא. צום ערשט מאכן מיר א גרויסע מצוה פון ״הכנסת אורחים״, און מיר באגריסן מיט א גוט מארגן אונזערע חשובע געסט פון ״שערי חמלה״, וואוילע זיסע נשמה׳לעך וואס זענען געקומען מיטהאלטן אונזער פראגראם. ווען יעדער זיצט שוין שיין אויף די ברענטשעס, הייבט זיך אן די שיינע פראגראם, מיר הערן קודם אז דער הייליגער באשעפער איז געקומען מאכן ביקור חולים צו באזוכן אברהם אבינו און זעהן וויאזוי ער שפירט זיך. מיר זאגן הויעך א רפואה שלימה פאר א אינגעלע משה קארנבלי נ״י וואס האט זיך נעבעך צוקלעמט זיין פינגער זייער שטארק. אויך זאגן מיר א רפואה שלימה פאר יחזקא׳ פריעדמאן נ״י, וואס האט זיך צוקלאפט זיין פיס׳עלע. מיר וואונטשן זיי אז דער אייבירשטער זאל העלפן, זייער בָאבָא זאל שנעל אוועק גיין און זיך שנעל אויסהיילן. און ווען אסאך אינגעלעך האבן זיך אנגערופן אז זיי האבן אויך א בָאבָא, האט מען שנעל געזאגט א רפואה שלימה פאר אלע קינדערלע וואס האבן א בָאבָא...

דערנאך קוקן מיר זיך זייער גוט צו און מיר זעהן אז די געצעלט האט פיר טירן, אז מ׳זאל קענען אריין קומען פון יעדע זייט און די געסט זאלן שנעל טרעפן די טיר. מיר זעהן פיר געסט **שמוא׳ מרדכי יאקאב** נ״י, **מענדל גרשון לאנדא** נ״י, **דוד יעקב פעדער** נ״י, **שמעון ישראל מרגליות** נ״י, גרייטן זיך אריין צו גיין אין דעם געצעלט. ווען אלע קינדער האבן געציילט צוזאמען ביז דריי, זענען די פיר קינדערלעך אריין אין די געצעלט פון אלע פיר זייטן, און האבן זיך אוועק געזעצט אויף די בענקעלעך. יעצט זעהן מיר ווי אברהם אבינו - **אברהם ווערטהיימער** נ״י – מאכט די מצוה פון הכנסת אורחים און ער געט צו עסן פאר זיינע געסט, מיר הערן וויאזוי ער הייסט זיי מאכן הויעך א ברכה ״בורא מיני מזונות״, ווייל אברהם אבינו האט אויסגעלערנט זיינע געסט אז מ׳מוז מאכן א ברכה פארן עסן, און אז מדארף בענטשן נאכן עסן.

יעצט זעהן מיר פלוצלינג וויאזוי עס געט זיך א צונדט אן אלע טשילאר״ס פון די זאל (למשל עס איז דו זון) און עס ווערט זייער הייס, מיר זעהן אברהם זיצט ביי די טיר פון געצעלט און ערווארט ס׳זאלן קומען געסט, אבער קיינער איז נישט געקומען. ביז דער אייבירשטער האט געשיקט דריי מלאכים. זעהן מיר ווי עס קומען דריי פארשטעלטע מלאכים. **אבא׳לע האלצמאן** נ״י איז געווען פארשטעלט ווי די שיף קאפיטאן, **פנחס פריינד** נ״י איז געווען פארשטעלט ווי א פרוכט סטאר מענטש, און **שלו׳ הכהן שווארטץ** נ״י איז געוועהן פארשטעלט ווי א אראבער. זיי קומען אן צו די געצעלט, אבער דרייען זיך אויס און גייען אוועק, ווייל זיי זעהן אברהם אבינו פילט נישט גוט. יעצט זעהן מיר וויאזוי אברהם טוט די מצוה פון הכנסת אורחים אפי׳ ס׳איז שווער, ער שטעלט זיך אויף און ער לויפט זיי נאך, ער בעט זיי זיי זאלן קומען צו זיין געצעלט. און מיר זעהן וואזוי ער געט זיי צו עסן, פוטער, מילך, און צונג פלייש. מיר ווייסן אבער אז מלאכים קענען נישט עסן, און יושע׳לע קליינבערגער שרייט הויעך פארוואס, ״ווייל מלאכים האבן נישט קיין ציין״...

## ✪השכמת הבוקר

מיר האבן די טעג אנגעהויבן לערנען מיט די קינדער דעם סדר פון ״השכמת הבוקר״, ענינים וואס די קליינע קינדער דארפן וויסן וויאזוי מפירט זיך אויף, אנגעהויבן פון ביינאכט, אזוי ווי צדיקים פלעגן זאגן אז ״מ׳לייגט זיך ווי א איד שטייט מען אויף ווי א איד״.

## ✪מעסעד״ש פון די וואך (די סדרה פראגן)

חשובע עלטערן שיחיו

מיר שפירן פאר וויכטיג אויסצושמועסן א פונקט בנוגע די סדרה שאלות וואס די קינדער ברענגען אהיים יעדע וואך.

די מלמדים לערנען מיט די קינדער יעדע וואך די דערציילונג פון די סדרה און מען דערציילט דאס איבער פיל מאל איבער די וואך. די קינדער קאלירן אדער פארבן בילדער פון דעם ענין אד״ג, וואס די אלע זאכן העלפן צו אז די קינדער זאלן קונה זיין די פרשה יעדעס קינד לויט זיינע מעגליכקייטן. פארט מאכט זיך אמאל אז א קינד קען נישט אזוי גוט די שאלות וואס מ׳פרעגט אים, און פארשטייט זיך אז דאס טוט זייער אנטוישן די עלטערן טראכטענדיג, וואס טוט מיין קינד אין חדר א גאנצע וואך? אדער אפשר איז עפעס נישט אין ארדענונג מיט מיין קינד וכדו׳.

**דערפאר איז וויכטיג צו פארשטיין דאס פאלגענדע.**

ערשטענס ברויכן עלטערן וויסן, אז די שאלות וואס מיר שיקן אהיים איז אויסדריקליך נישט קיין ״פארהער״. די שאלות זענען געמאכט, אייך צו געבן א געדאנק פון וואס מ׳האט גערעדט אין חדר במשך די וואך, עס קומט זיך נישט קיין שטראף אויב דאס קינד האט נישט אויפגעכאפט די סדרה, און אוודאי דארף מען נישט ארויס ווייזן פאר א קינד א אומצופרידנקייט וואס דאס טוט אים שטארק אראפ קלאפן און צוברעכן, און טוט צוברענגען אז דאס קינד זאל ווערן מער פארמאכט, און אין די קומענדיגע וואך וועט ער בכלל נישט וועלן אנהייבן צו ענטפערן מורא האבענדיג פאר זיין דורכפאל. עס איז זייער וויכטיג צו ווייזן דאס קינד א אינטערעס אין זיין ערציילונג און מאכן א עסק פון וואס ער קען יא, אפילו ווען עס איז נישט 100% צופרידנשטעלנד.

צווייטענס, נישט יעדעס קינד איז אייניג צו פארשטיין די שאלה וואס מען פרעגט איהם פינעם צעטיל צו קענען גלייך זיך דערמאנען וואס זיין רבי האט איהם דערציילט און ענטפערן דערויף פונקטלעך אזוי ווי עס איז אנגעצייכנט אויפ׳ן צעטיל. א גוטע עצה איז, טוט אביסל צוהעלפן אייער קינד, אדער ברענגט ארויס די שאלה אויף א גרינגערן אופן, און אז איר וועט ארום רעדן איבער די מעשה וואס האט פאסירט וועט איר זעהן אז אייער קינד ווייסט זייער גוט וואס עס האט פאסירט, און רוב מאל וועט ער וויסן צו ענטפערן ווייטער.

צום שלוס. אויב עס מאכט זיך אז אייער קינד קען פארט נישט די סדרה. פארבינדט אייך שריפטליך (דורך א מצוה צעטל וכדו׳) מיט אייער קינד׳ס מלמד. ער וועט אייך שטארק דאנקבאר זיין, ווי איידער עס זאל דורכגיין א גאנץ יאר און דערנאך זיין אומצופרידן אין די צייט וואס מ׳קען דאס מיט א קלייניקייט פארעכטן.

מיר וואונטשן אייך פיל נחת פון אייער קינד -אונזערע טייערע תלמיד- און פון אלע אנדערע קינדערלעך.

## טיי אווענט דערמאנונג

חשובע עלטערן שיחיו

מיר קומען אייך מיט א הארציגע בקשה און א פערזעליכע דערמאנונג אנטייל צו נעמען אין די אויסנאם וויכטיגע מסיבה וואס ווערט אראנדשירט דורכן מנהל, פאר ״איינעם פון אונז״. וואס מאכט חתונה בקרוב א קינד און עס איז נישט פארהאן קיין געלט און צוגאב צו אנדערע שוועריגקייטן וואס איז פארהאן אין שטוב. די מסיבה וועט פארקומען דעם דאנערשטאג נאכט ביים מנהל אין שטוב

1 Leipnik way # 302

מיר ערווארטן אייך פערזענליך צו באגריסן.

מתן שכרה בצדה די הערליכע סי־די ״**א מיטוואך פון קינדערגארטן**״ וועט ווערן פארטיילט פאר אלע חשובע משתתפים בעזהשי״ת. און פאר דעם סכום פון 36 דוללער גייט איר אריין אין א גורל פון א אומזיסטע מוזיקאנט און זינגער ביי אייער שמחה.

## ✪מזל טוב פון די וואך

אין נאמען פון אלע חשובע מלמדים שליט״א וואונטשט הנהלת הקינדערגארטן די וואך א הערצליכן מזל טוב

פאר אונזער געטרייער סעקרעטאר פון קינדערגארטן

וואס גיט זיך אוועק בלב ונפש פאר די טייערע קינדערלעך און די מלמדים ה״ה

הר״ר **יקותיא׳ ישראל פריעד** שליט״א

צום געבורט פון זיין טאכטער למז״ט

דער באשעפער זאל העלפן איר זאלט איר מגדל זיין לבעל תורה לחופה ולמעשים טובים איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת ביי אלע אייערע קינדער מתוך הרחבת הדעת איר זאלט קענען אנגיין מיט אייערע עבודת הקודש עמו״ש געזונטערהייט.

# זיסע חכמה'לעך

די מאמע זאגט פאר **שלמה מיטטעלמאן**, טוה אן א קויט, אז נישט וועסטו דיך פארקילן, זאגט ער "נע, איך דארף נישט קיין קאוט, דו וועסט מיר שוין געבן וויטעמין סי"....

**אהרן שלמה** זעהט ווי אריבער זיין הויז בויעט מען א הויז, פרעגט ער "איך מעג אריבער גיין צו די תיבה? איך זעה דארט נח אין די תיבה"...

**יואל זושא שמאיע** האט זיך באקלאגט אז ער איז שוין געווען דריי א האלב יאר פאר סוכות, און ער וויל "שוין יעצט" ווערן 4 יאר, האט זיין מאמע אים בארואיגט אז ער איז שוין דריי מיט א פערטל, האט ער אויסגערעכנט אז "נעקסטע יאר נאך סוכות, גייט ער זיין פיר מיט פיר פערטל"....

**בן ציון בערקאוויטש** דערציילט פון די קאלעך אויוון, אז אברהם אבינו האט זיך ארום געדרייט אין די פייער אן זיך אפברוען, "און ער האט אפי' געזונגן לכבוד התנא אלוקי רבי שמעון בר יוחאי".




ווען מ'פרעגט **חיים דוב**, ביסט אויפגעשטאנען פארטאגס? זאגט ער "ניין, איך בין אויפגעשטאנען פאר די טאג".....

**חיים זאנוויל ווערצבערגער** פון די קאלעך אויוון, וואס מ'האט געמאכט אין חדר, אבער ער וויל וויסן "וואו איז אברהם אבינו געגאנגען? איך זעה אים נישט דארט".....

מיר האבן זייער געלאכט ווען מ'האט געפרעגט **יעקב וואלוועלע זאלדאן**, דיין רבי האט דערציילט ווי מ'האט אריינגעלייגט די באבע שרה? האט ער שנעלערהייט שטיל געמאכט און געזאגט "שֶׁשֶׁשֶׁ מ'טאר נישט אויסזאגן"...

**חיים ברוך סופר** זאגט "אין חדר וואוינען אונז אין די גארביד"ש שטאק"... (זיין חדר איז אין די בעיסמענט – די דריטע שטאק פונעם בנין)








## איך בין דריי יאהר

מזל טוב
הילד היקר
**שלו' נחמן ווייס נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**ישרא' יושע כהן נ"י**
צו זיין אפשערו למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**אברהם ווידער נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**אהרן קרויס נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט

מזל טוב
הילד היקר
**אשר לעמל רובינפעלד נ"י**
צו זיין אפשערן למז"ט

**דער אייבירשטער זאל העלפן איר זאלט אויסוואקסן גרויסע ערליכע אידן תלמידי חכמים יראי' ד' אייערע עלטערן זאלן זעהן פון ענק אסאך אידש נחת געזונטערהייט עמו"ש**